ב"ה

תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר



בהתייסדות כ״ק מרן רבינו הקוה״ט זיעועכי״א - בנשיאות כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א

קרית יואל - בני ברק

# שַׁאֲלוֹת אוּן יְדִיעוֹת

אוֹיף

## פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה

נאמען ______________________ נ״י

בס"ד

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

קרית יואל - בני ברק

כיתה ג' (א) הר"ר הערשל גראס הי"ו


# שאלות אויף פרשת חיי שרה

**א. וואו איז געווען אברהם ווען שרה איז נפטר געווארן ?**

פון באר שבע - י"א מהר המוריה (מדרש ובזוהר).

**ב. וואס הייסט לספוד לשרה צו באקלאגן שרה ?**

דאס הייסט אז מען דערמאנט וואס פאר אַ צדיקת זי איז געווען און אלע אירע גוטע מעשים.

**ג. ווער פירט זיך צו זאגן איך וועל דיר געבן אַ גרויסע מתנה און געבט אַ קליינע? מעג מען דאָס ?**

אַ רשע זאגט אזוי, און מען טאָר נישט.

**ד. מעג מען צו זאגן איך וועל דיר געבן אביסל און מען געבט אסאַך ?**

דאָס איז אַ גוטע מדה פון אַ צדיק.

**ה. ווער האט צו געזאגט אסאַך און נישט געגעבן אפילו אביסל ?**

עפרון ער האט געזאגט איך געב אַ מתנה און האט געבעטן אסאך געלט.

**ו. וואס איז די סימן געווען אז רבקה איז די כלה וואס מען דארף נעמען פאר יצחק ?**

ווייל זי איז זייער אַ גוטע און האט ליב צו טוהן חסד און העלפן יענעם שטענדיג.

**ז. פארוואָס האט אליעזר געגעבן אַ נאז באנד וואס איז ווערט אַ בֶּקַע ?**

צו זאגן אז פון אירע קינדער וועלן ברענגען מחצית השקל.

**ח. פארוואָס צוויי צמידים וואס וועגט צעהן גילדן ?**

צוויי לוחות מיט צעהן דברות.

**ט. וואס איז געשעהן מיט רבקה ווען זי האט געזעהן יצחק דאווענען מנחה ?**

זי איז אראפ געפאלן פון דעם קעמל פון גרויס פחד פון די צדיק זי האט געזעהן די שכינה רוהט אויף איהם.

**י. וואס איז צוריק געקומען אין געצעלט פון רבקה ווען זי איז געקומען וואוינען אין שרה'ס געצעלט ?**

דריי זאכן, אַ וואלקן אויף די הויז, אַ ברכה אין די טייג, און אַ נר תמיד.

אַ גוט שבת

המלמד

בס"ד

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתיסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

כיתה ג' (ב) הר"ר מנשה ברוך קליין הי"ו

# שאלות אויף פרשת חיי שרה

**א. כמה שנים חיה שרה אמינו ?**

מאה עשרים ושבע שנים.

**ב. מה גרם למיתתה ?**

כי שמעה מהשטן שבנה כמעט נשחט.

**ג. היכן היא נפטרה ?**

בקרית ארבע היא חברון.

**ד. למה נקראה שם העיר חברון "קרית ארבע" ?**

1) על שם ארבע ענקים שהיו שם, ב) על שם ארבע זוגות שנקברו שם.

**ה. מה היתה בקשת אברהם מאת בני חת ?**

אברהם אבינו ביקש מהם שיתנו לו אחוזת קרקע לבית הקברות.

**ו. ומה היתה תשובתם ?**

בני חת ענו לו שיתנו לו שדה המובחרת ביותר ואיש ממנו לא יעכב בעדו.

**ז. היכן נקברה שרה ?**

במערת המכפלה.

**ח. מאת מי קנה אברהם את מערת המכפלה ?**

אברהם קנה את המערה מאת עפרון החתי.

**ט. כמה כסף שילם אברהם על מערת המכפלה ?**

ארבע מאות שקל כסף.

**י. מה השביע אברהם אבינו את עבדו ?**

שיקח אשה לבנו יצחק מארץ מולדתו ולא מבנות הכנעני.

**יא. מה הם השלושה דברים שהיו באוהל בגלל צדקתה של שרה ובמותה פסקו להיות ?**

כל ימי חייה היה: 1) ענן קשור בפתח אהלה, 2) שהיתה הברכה שרויה בעיסה, 3) שהנר נשאר דולק מער"ש עד לערב שבת.

בברכת א גוט שבת

המלמד

תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתיסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

קרית יואל - בני ברק

בס"ד

פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה

# אַ מַעֲשֶׂה אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

## וַיַּבְרֵךְ הַגְּמַלִּים מִחוּץ לָעִיר אֶל בְּאֵר הַמָּיִם לְעֵת עֶרֶב לְעֵת צֵאת הַשֹּׁאֲבֹת:

ווען דֶער רֶבִּי דֶער דִבְרֵי יוֹאֵל זַצַ"ל אִיז גֶעוֶועהְן אַ קִינְד אוּן גֶעלֶערְנְט אִין חֶדֶר דִי פַּרְשָׁה פוּן דִי וָואךְ - פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה - וואוּ מְ'רֶעדְט פוּן דִי גְמַלִּים-קֶעמְלֶען, וָואס אֱלִיעֶזֶר הָאט גֶענוּמֶען מִיט זִיךְ וֶוען עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען זוּכְן אַ כַּלָּה פַאר יִצְחָק, אוּן נָאכְדֶעם הָאט רִבְקָה זֵיי גֶעגֶעבְּן צוּ טְרִינְקֶען.

וֶוען עֶר אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען פוּן חֶדֶר הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט פַאר זֵיין טַאטֶע דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת יוֹם טוֹב זַצַ"ל: "וָואס אִיז דָאס גְמַלִּים?" - עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס דָאס אִיז, וֵוייל אִין יֶענֶע גֶעגֶנְט אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין גְמַלִּים.

הָאט אִיהְם דֶער קְדוּשַׁת יוֹם טוֹב גֶעעֶפֶנְט דִי פֶענְסְטֶער, אוּן עֶר הָאט גֶעוִויזְן פַאר דֶער רֶבִּי ווִי אַזוֹי אַסַאךְ גְמַלִּים גֵייעֶן אַרִיבֶּער, אוּן דֶער קְדוּשַׁת יוֹם טוֹב הָאט אִים גֶעזָאגְט: "יֶעצְט וֶועסְטוּ שׁוֹין וִויסְן וָואס מֵיינְט גְמַלִּים"... אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאךְ.

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ״ק מרן רבינו הקוה״ט זיעועכי״א - בנשיאות כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א

## קרית יואל - בני ברק


בס״ד

## פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה

# שְׁרַייבּ אַרַיין דִי אוֹת פוּן דִי וָוארְט בַּיי זַיין טַייטְשׁ

| | | | |
|---|---|---|---|
| מֵאָה שָׁנָה | א | | אַ אַרְבֵּטַייל פַאר אַ קֵבֶר |
| וְעֶשְׂרִים שָׁנָה | ב | | אַ פְרֶעמְדֶער |
| וְשֶׁבַע שָׁנִים | ג | | אוּן אַ אַלְט גֶעזֶעסֶענֶער |
| לִסְפֹּד | ד | | אוּן אִיךְ וֶועל בַּאעֶרְדִיגְן |
| וְלִבְכֹּתָהּ | ה | | אוּן אִיר צוּ בַּאוֵויינֶען |
| גֵּר | ו | | אוּן בֶּעהֶטְס פַאר מִיר |
| וְתוֹשָׁב | ז | | אוּן זִיבְּן יָאר |
| אֲחֻזַּת קֶבֶר | ח | | אוּן צְוָואנְצִיג יָאר |
| וְאֶקְבְּרָה | ט | | הוּנְדֶערְט יָאר |
| שְׁמָעֵנוּ | י | | הַלְוַואי וָואלְטֶסְטוּ מִיךְ צוּגֶעהֶערְט |
| לֹא יִכְלֶה | יא | | הֶער אוּנְז צוּ אוּנְזֶער הֶער |
| שְׁמָעוּנִי | יב | | הֶער מִיךְ צוּ |
| וּפִגְעוּ לִי | יג | | הֶערְטְס מִיךְ צוּ |
| שְׁמָעֵנִי הַשָּׂדֶה | יד | | וֶועט נִישְׁט פַארְמֵיידְן |
| לוּ שְׁמָעֵנִי | טו | | צוּ בַּאקְלָאגְן |

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק


בס"ד

## פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה

# שְׁרַייבּ אַרַיין דִי אוֹת פוּן דִי וָוארְט בַּיי זַיין טַייטְשׁ

| | | | |
|---|---|---|---|
| מֵאָה שָׁנָה | א | | אַ שְׁטִיקְל פַאר אַ קֶבֶר |
| וְעֶשְׂרִים שָׁנָה | ב | | אַ פְרֶעמְדֶער |
| וְשֶׁבַע שָׁנִים | ג | | אוּן אַ אֵיינְוואוֹינֶער |
| לִסְפֹּד | ד | | אוּן אִיךְ וֶועל בַּאגְרָאבְן |
| וְלִבְכֹּתָהּ | ה | | אוּן אִיר צוּ בַּאוֵויינֶען |
| גֵּר | ו | | אוּן בֶּעהַטְס פַאר מִיר |
| וְתוֹשָׁב | ז | | אוּן זִיבְּן יָאר |
| אֲחֻזַּת קֶבֶר | ח | | אוּן צְוָואנְצִיג יָאר |
| וְאֶקְבְּרָה | ט | | הוּנְדֶערְט יָאר |
| שְׁמָעֵנוּ | י | | הַלְוַואי וָואלְטְסְטוּ מִיךְ צוּגֶעהֶערְט |
| לֹא יִכְלֶה | יא | | הֶער אוּנְז צוּ |
| שְׁמָעוּנִי | יב | | הֶער מִיךְ צוּ |
| וּפִגְעוּ לִי | יג | | הֶערְטְס מִיךְ צוּ |
| שְׁמָעֵנִי הַשָּׂדֶה | יד | | וֶועט נִישְׁט פַארְמֵיידְן |
| לוּ שְׁמָעֵנִי | טו | | צוּ בַּאקְלָאגְן |

בס"ד

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

## שְׁרֵייבּ אַרַיין דִי אוֹת פוּן דִי תְּשׁוּבָה בֵּיי זַיין שַׁאֲלָה

☐ וֶועמֶען שִׁיקְט אַבְרָהָם זוּכְן אַ כַּלָּה פַאר יִצְחָק ?

☐ פוּן וואוּ הָאט אֱלִיעֶזֶר גֶעמֶעגְט נֶעמֶען אַ פְרוֹי פַאר יִצְחָק ?

☐ פוּן וואוּ הָאט אֱלִיעֶזֶר נִישְׁט גֶעטָארְט נֶעמֶען אַ פְרוֹי פַאר יִצְחָק ?

☐ וִויפִיל קֶעמְלֶעךְ הָאט אֱלִיעֶזֶר גֶענוּמֶען ?

☐ וָואס אִיז אַרוֹיף גֶעקוּמֶען קֶעגְן רִבְקָה ?

☐ וָואס הָאט רִבְקָה גֶעעֶנְטְפֶערְט פַאר אֱלִיעֶזֶר וֶוען עֶר הָאט אִיר גֶעבֶּעטְן צוּ טְרִינְקֶען ?

☐ וֶוער אִיז רִבְקָה'ס בְּרוּדֶער ?

☐ וֶוער אִיז רִבְקָה'ס טַאטֶע ?

☐ וָואס הָאט בְּתוּאֵל גֶעלֵייגְט פַאר אֱלִיעֶזֶר אִין זַיין טֶעלֶער ?

☐ וִויפִיל יָאר אִיז אַלְט גֶעוֶוען רִבְקָה וֶוען זִי אִיז גֶעוָוארְן אַ כַּלָּה ?

☐ וִויפִיל יָאר אִיז אַלְט גֶעוֶוען יִצְחָק וֶוען עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ חָתָן ?

☐ וָואס הָאט יִצְחָק גֶעדַאוְונְט וֶוען רִבְקָה אִיז גֶעקוּמֶען?

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| א | מ | ל | כ | ה | פ |
| צֶען | פֶּערְצִיג | פוּן בְּנוֹת כְּנַעַן | דִי וַואסֶער | סַם | נֶעם אוֹיךְ פַאר דִי קֶעמְלֶעךְ |
| מִנְחָה | לָבָן | דְרֵיי | פוּן אַבְרָהָם'ס מִשְׁפָּחָה | אֱלִיעֶזֶר | בְּתוּאֵל |
| ל | ו | י | מ | א | נ |

וֶועסְטוּ טְרֶעפְן וֶוער ס'הָאט גֶעטְוִישְׁט דִי טֶעלֶער פוּן אֱלִיעֶזֶר מִיט דִי טֶעלֶער פוּן בְּתוּאֵל

☐ ☐☐☐☐ ☐☐☐ ☐☐☐☐

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ״ק מרן רבינו הקוה״ט זיעועכי״א - בנשיאות כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א

## קרית יואל - בני ברק

## מַאךְ אַ סִימָן ✓ בַּיי דִי רִיכְטִיגֶע קֶעסְטְל

| ⇩ שְׁאֵלוֹת ⇩ | אַבְרָהָם | בְּנֵי חֵת | עֶפְרוֹן |
|---|---|---|---|
| וֶוער הָאט מַסְפִּיד גֶעוֶוען שָׂרָה ? | | | |
| וֶוער הָאט גֶעזָאגְט גֵּר וְתוֹשָׁב אָנֹכִי עִמָּכֶם ? | | | |
| וֶוער הָאט גֶעזָאגְט בְּמִבְחַר קְבָרֵינוּ קְבֹר אֶת מֵתֶךָ ? | | | |
| וֶוער הָאט גֶעזָאגְט אִם יֵשׁ אֶת נַפְשְׁכֶם לִקְבֹּר אֶת מֵתִי מִלְּפָנַי ? | | | |
| וֶוער הָאט גֶעזָאגְט הַשָּׂדֶה נָתַתִּי לָךְ וְהַמְּעָרָה אֲשֶׁר בּוֹ לְךָ נְתַתִּיהָ ? | | | |
| וֶוער הָאט גֶעזָאגְט אַךְ אִם אַתָּה לוּ שְׁמָעֵנִי נָתַתִּי כֶּסֶף הַשָּׂדֶה קַח מִמֶּנִּי ? | | | |
| וֶוער הָאט גֶעזָאגְט אֶרֶץ אַרְבַּע מֵאֹת שֶׁקֶל כֶּסֶף בֵּינִי וּבֵינְךָ מַה הִוא ? | | | |

## פִיל אָן דִי נֶעמֶען פוּן אוּנְטְן לוֹיט דִי סֵדֶר פוּן דִי הֵיילִיגֶע אָבוֹת וְאִמָּהוֹת

| | | | |
|---|---|---|---|
| | | | |
| | | | |

יִצְחָק  חַוָּה  שָׂרָה  יַעֲקֹב  אָדָם  אַבְרָהָם  לֵאָה  רִבְקָה

# טְרֶעף 4 אוּנְטֶערשֵׁייְדס צְווִישְׁן דִי צְוֵויי בִּילְדֶער

רִבְקָה גֶעבּט צוּ טְרִינְקֶען פַאר דִי קֶעמְלֶעךְ

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

## שְׁרֵייבּ אַרֵיין דִי אוֹתִיוֹת פוּן דִי תְּשׁוּבוֹת בֵּיי זֵייעֶרֶע שַׁאֲלוֹת

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| וֵוייל שָׂרָה אִמֵּינוּ אִיז גֶעוֶוען אַ עֶלְטֶערֶע פְרוֹי | וֵוייל אַבְרָהָם הָאט גֶעוֵויינְט וֵוינִיג | וֵוייל אַבְרָהָם הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אַז דִי קֶעמְלֶעךְ זָאלְן טְרוּנְקֶען פוּן דִי פְרֶעמְד | וֵוייל יִצְחָק אִיז גֶעוֶוען הֵיילִיג | וֵוייל אֱלִיעֶזֶר הָאט גֶעזֶעהְן אַז דִי וַואסֶער קוּמֶען אַרוֹיף קֶעגְן רִבְקָה | וֵוייל לָבָן הָאט גֶעזֶעהְן דִי צִירוּנְגֶען |

| | | |
|---|---|---|
| ש הָאט מֶען אִים נִישְׁט גֶעטָארְט אַרוֹיס טְרָאגְן פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל | ב אִיז עֶר גֶעלָאפְן רֶעדְן מִיט אִיר | ר הָאט עֶר גֶעלֵייגְט שְׁטָאפֶּערְס אוֹיף זֵייעֶר מוֹיל |
| ב הָאט אַבְרָהָם גֶעוֵויינְט וֵוינִיג | א שְׁטֵייט אַ קְלֵיינֶע כ' | ע אִיז עֶר גֶעלָאפְן צוּ אֱלִיעֶזֶר |

## וֶועסְטוּ טְרֶעפְן פוּן וואו אִיז אַבְרָהָם אָבִינוּ גֶעקוּמֶען מַסְפִּיד זַיין שָׂרָה

פוּן: ☐☐☐ ☐☐☐

וֶוען הָאט זִיךְ אַבְרָהָם אָבִינוּ בַּאזֶעצְט דָארְט?

◇ נָאךְ וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַל'ט

◇ נָאךְ דִי עֲקֵידָה

◇ נָאךְ בְּרִית בֵּין הַבְּתָרִים

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ״ק מרן רבינו הקוה״ט זיעועכי״א - בנשיאות כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א

## קרית יואל - בני ברק

# קֶעסְטְל רֶעטֶענִישׁ

☐ חַיֵּי שָׂרָה
☐ קִרְיַת אַרְבַּע
☐ בְּנֵי חֵת
☐ עֶפְרוֹן

☐ אַרְבַּע מֵאוֹת
☐ שֶׁקֶל
☐ מְעָרַת הַמַּכְפֵּלָה
☐ אֱלִיעֶזֶר

☐ יִצְחָק
☐ רִבְקָה
☐ לָבָן
☐ בְּתוּאֵל

| | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| עֶ | אֶ | קְ | רְ | יַ | ת | אַ | רְ | בַּ | ע |
| פְּ | לְ | ו | בָ | לָ | ה | גֶ | ע | יְ | חַ |
| ר | י | שֶׁ | ל | ת | וֹ | קָ | צְ | י | יֵ |
| וֹ | עֶ | קֶ | בְּ | ט | חֵ | חָ | בְ | אִ | י |
| ן | זֶ | ל | י | ז | ק | י | הַ | רִ | שָׂ |
| שֶׁ | ר | ל | אֵ | וּ | ת | בְּ | נֵ | ם | רָ |
| אַ | רְ | בַּ | ע | מֵ | א | וֹ | ת | בְּ | ה |
| מְ | עָ | רַ | ת | הַ | מַ | כְ | פֵּ | לָ | ה |

וֶוען מְ'עֶנְדִיגְט דַארְף מֶען צוּזַאם נֶעמֶען דִי אִיבֶּערִיגֶע אוֹתִיוֹת אוּן עֶס אַרַיין לֵייגְן אִין דִי קוּמֶענְדִיגֶע קֶעסְטְלֶעךְ וֶועסְטוּ טְרֶעפְן וָואס אֱלִיעֶזֶר הָאט גֶעזָאגְט וֶוען עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן רִבְקָה

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתיסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

קרית יואל - בני ברק

# שְׁאֵלוֹת אויף פַּרְשַׁת וַיֵּרָא

מַאךְ אַ סִימָן בֵּיי דִי רִיכְטִיגֶע תְּשׁוּבָה

וֶוען אִיז אַוֶּועק דִי דְרֵיי סִימָנִים פוּן דִי גֶעצֶעלְט פוּן שָׂרָה?

◇ וֶוען שָׂרָה אִיז גֶעגַאנְגֶען זוּכְן יִצְחָק

◇ וֶוען שָׂרָה אִיז נִפְטַר גֶעוָוארְן

◇ וֶוען יִצְחָק אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי עֲקֵידָה

וִויפִיל יָאר הָאט גֶעלֶעבְּט דִי מַאמֶע שָׂרָה?

◇ הוּנְדֶערְט אַכְט אוּן צְוַואנְצִיג יָאר

◇ הוּנְדֶערְט זִיבְּן אוּן צְוַואנְצִיג יָאר

◇ זִיבְּן אוּן צְוַואנְצִיג יָאר

וֶועלְכֶע אוֹת אִיז אַ קְלֵיינֶע אוֹת?

◇ וְלִבְכֹּתָהּ

◇ וְלִבְכֹּתָהּ

◇ וְלִבְכֹּתָהּ

פַארְוָואס וֶוערְט עס אָנְגֶערוּפְן קִרְיַת אַרְבַּע? (2 תְּשׁוּבוֹת)

◇ וֶועגְן דִי פִיר רִיזִיגֶע מֶענְטְשְׁן וָואס אִיז גֶעוֶוען דָארְט

◇ אַנְטְקֶעגְן דִי פִיר אִמָהוֹת

◇ אַנְטְקֶעגְן דִי פִיר פָּארְן וָואס לִיגְן דָארְט

וֶוער לִיגְט בֵּיי דִי מְעָרַת הַמַכְפֵּלָה? (4 תְּשׁוּבוֹת)

◇ אָדָם מִיט חַוָה

◇ נֹחַ מִיט שֵׁם

◇ אַבְרָהָם מִיט שָׂרָה

◇ יִצְחָק מִיט רִבְקָה

◇ יַעֲקֹב מִיט רָחֵל

◇ יַעֲקֹב מִיט לֵאָה

פוּן וֶועמֶען הָאט אַבְרָהָם אָבִינוּ גֶעקוֹיפְט דִי מְעָרַת הַמַכְפֵּלָה?

◇ פוּן אֱלִיעֶזֶר

◇ פוּן יִשְׁמָעֵאל

◇ פוּן עֶפְרוֹן

וִויפִיל גֶעלְט הָאט אַבְרָהָם אָבִינוּ בַּאצָאלְט אוֹיף דִי מְעָרַת הַמַכְפֵּלָה?

◇ 400 שֶׁקֶל

◇ 40 שֶׁקֶל

◇ 450 שֶׁקֶל

וֶוען אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען דִי דְרֵיי סִימָנִים פוּן דִי גֶעצֶעלְט פוּן שָׂרָה?

◇ וֶוען אֱלִיעֶזֶר הָאט גֶעטְרָאפְן רִבְקָה

◇ וֶוען דִי וַואסֶער אִיז אַרוֹיף גֶעקוּמֶען קֶעגְן רִבְקָה

◇ וֶוען יִצְחָק מִיט רִבְקָה הָאבְּן חַתוּנָה גֶעהַאט אוּן אַרַיין גֶעקוּמֶען אִין דִי גֶעצֶעלְט פוּן שָׂרָה

וִויפִיל יָאר הָאט אַבְרָהָם אָבִינוּ גֶעלֶעבְּט?

◇ הוּנְדֶערְט זֶעכְצִיג יָאר

◇ הוּנְדֶערְט פִינֶעף אוּן זִיבֶּעצִיג יָאר

◇ הוּנְדֶערְט אַכְצִיג יָאר